פאַריז, 2 יולי 1933.

ליבער גענאָסע כאַנין!

איך שיק גלייכצייטיג א לאַנגען בריוו וולאַדעקן, וועגן געוויסע ענינים, און וואָלט
זעהר געבעטן, איהר זאָלט דעם דאָזיגן בריוו אויפמערקזאם דורכלייענען און מ
מיר מיטטיילען אייער מיינונג. דאָס איז זעהר וויכטיג.

וועגן דער מעשה מיט דער געשיכטע פון בונד האָב איך ביז איצט נאָך ניט גע-
קאָנט שרייבן, ווייל עס איז אינצווישן מאָקי פאָרגעקומען יענע ערד-ציטערניש,
וועגן וועלכער איך האָב געשריבן אין מיין לעצטן בריוו צו אייך (דוכט זיך,
אין פעברואר אדער יאנואר). ביי דער דאָזיגער קאַטאַסטראָפע איז דער גאַנצער
בונדישער ארכיוו אויף א האָר ניט פארלאָרען געגאַנגען: איהם האָט געראַטעוועט
פשוט א וואונדער, ניט ריידענדיג וועגן דער ענערגיע פון א פּאָר גענאָסען, צווי-
שען זיי פראַנק און -לעאָן בלום!

דער ארכיוו איז איצט אין פאַריז, קיין זאַך איז ניט פארלאָרען געגאַנגען, אָבער
ער ליגט נאָך איינגעפּאַקט אין קאַסטענס, און זיין ווייטערדיגער גורל איז נאָך
ניט אנטשידען. עס קען זיין, אז ער וועט בלייבען אין פאַריז, בא דער היזיגער
„נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק". עס קען זיין, אז די פראַנצויזישע רעגירונג וועט
איהם ניט וועלען נעמען, יעטאָלט וועט שטיין די פראַגע וועגן אריבערפיהרען איהם
קיין פּוילען. אזוי צי אזוי, דערווייל וואָס קען מען ניט ארבייטען, און אין
בעסטען פאַל וועט דאָס ווערען מעגליך ערשט אין הארבסט אָדער אנהייב ווינטער.
יעטאָלט וועלען מיר זיך נאָכאַמאָל אומקעהרען צו דעם ענין, און איהר קענט זיין
זיכער, אז איך פערזענליך האָב דעם גרעסטען ווונש צו דערפילען די מאָראַלישע
און מאַטעריעלע פאָרפליכטונגען, וועלכע איך האָב אויף זיך גענומען, און אָפּ
ארבייטען די פאָרשוסען, וועלכע איך האָב באַקומען.

פראַנק איז דאָ אין פאַריז. זיין געזונט איז ניט באַזונדערס גלענצענד, אָבער ע
איז צופרידען, וואָס ער האָט זיך ארויסגעראַטעוועט פון היטלערן דערצו נאָך
מיט זיין גאַנצען ארכיוו.

איך גריס הארציק אייך און די אנדערע גענאָסען און וואַרט
אויף אייער גיגען ענטפער.

אייער